**Speaker 2:** יא, דו פרעגסט א גוטע קשיא, פארוואס לייגן אויף א טעלער איז נישט קיין מעמר?

**Speaker 1:** א חזון איש'ניק וואלט זיך געקומען טשעפען פאר אפאר יאר און פרעגן אזא סארט קשיא. אפשר איז עס יא?

**Speaker 2:** אקעי, מ'דארף וויסן די הלכה למעשה.

**Speaker 1:** לאמיר גיין ווייטער.

**Speaker 2:** ווייטער, יא.

**מלאכת דש — דרעשן**

**הדש,** די מלאכה פון דש. דש מיינט אויפקלאפן די זאנג, די חיטה ווען ס'איז נאך אין די שיבולים, אז ס'זאל ארויסקומען די שטיקל ווייץ. **הדש כגרוגרת,** די שיעור איז די גרויס פון א גרוגרת, איז חייב. פאר איין דישה אין גידולי קרקע. און דא זאגט ער עס גלייך. ווייל די ריזן איז, ווייל אימער איז ער געברענגט צווייי מימרות, און ס'איז געווען קאנעקטעד צו תולה, שתים הן והן והן, און אפילו דאס איז ווייץ עמורי איז בעצם געגאנגען אויף גאנצע, איז געווען אן אנדערע ווייץ.

**Speaker 1:** רייט.

אקעי.

**תולדות דש — מפרק**

וואס זענען די תולדות פון דש? זאגט דער רמב"ם, וואס איז מפרק? אייביג ווען איינער איז מפרק, ער נעמט ארויס א זאך פון וואו זי באלאנגט. מיר האבן שוין געזען אין די גמרא, הרי תולדות דש.

**חולב — מעלקן**

למשל, **החולב את הבהמה.** ביז יעצט איז די מילך אין די בהמה, אין אן אנדערע סארט וועג, און ער נעמט עס ארויס, ער קוועטשט עס ארויס, ער זויגט עס ארויס, איז ער מפרק.

**חובל — מאכן א וואונד**

**בחין, החובל בחיה שיש לה עור.** אין די בלוט לויפט ארום אין דעם מענטש אין קליינע וועינס אונטער די הויט. און די וועג אז ס'זאל ווערן א צוזאמגענומעכץ פון בלוט אין דעם מענטש איז מ'מאכט א חבורה, דעמאלטס לויפט זיך עס צוזאם, ס'ווערט א בייל. וואס איז די בייל? אז די בלוט וואס איז געווען צעשפרייט אין אנדערע מיני אופנים קומט זיך צוזאם אויף איין פלאץ. איז עס אויך אזוויו מפרק, וואס מ'נעמט ארויס די ווייץ פון וואו זי איז, אדער מ'נעמט ארויס די מילך פון די פלאץ וואו זי איז געווען ביז יעצט, און מ'נעמט זיי צוזאם אויף איין פלאץ.

זאגט ער אזוי, וואס איז די בלוט? רעדט ער יעצט, יא, איז א **חובל בחיה שיש לה עור,** א לעבעדיגע בעל חי וואס האט הויט, איז לויפט אונטער די הויט א בלוט. און אז ער מאכט א חבלה, ער מאכט א וואונד, א בייל, וויאזוי איז א בייל? וואס געשעט? איז ער חייב משום מפרק, ווייל ער נעמט צוזאם די בלוט זאל זיך צוזאמקומען אויף איין פלאץ. ס'מוז זיין אן עור, אויב ס'האט נישט קיין עור, וועלן מיר זען א מינוט, לויפט די בלוט אוועק.

**תנאי חיוב — צריך לדם**

**והוא,** זאגט דער רמב"ם, אבער דאס איז ווערט א מפרק, אבער מ'קען נישט זיין חייב מפרק נאר אויב **ער וויל לדם שיוצא מן החבורה,** ער וויל טאקע די דם. פארוואס? ווייל אויב **ער איז נישט חפץ להוציא את הדם,** נאר ער האט סתם אזוי געוואלט יענעם מזיק זיין, **איז ער פטור משום מקלקל.** ווייל ס'איז דאך דא א כלל אז אלע מלאכות שבת איז נאר ווען מ'איז מתקן, ווען מ'טוט עפעס אז ס'זאל געשען א זאך וואס איז א רעזולטאט וואס מ'האט געוואלט, א רעזולטאט וואס איז א פאזיטיווער רעזולטאט. אבער אויב איז מען סתם מקלקל, אזוי ווען א מענטש איז חובל בחיה און ער האט נישט קיין שום הנאה דערפון, ער האט נישט קיין שום בענעפיט דערפון, איז טאקע געשען א מעשה פון פרוק, ס'איז געשען א מפרק, אבער ס'איז א מקלקל.

מיר האבן שוין געהאט די הלכה דרך אגב ביי הלכות מילה. געדענקסטו מיר האבן געלערנט אז מילה בשבת אויב ס'איז נישט בזמנו הייסט עס א מקלקל. און זיין פטירה. לכאורה דענצמאל איז געווען וועגן די הלכה.

**שיעור חלב ודם**

זאגט דער רמ"א, **"ואין חיה ובהמה חייב עד שיצא דם או חלב כגרוגרת".** וויפיל איז די שיעור פון די פריערדיגע חלב ובהמה אדער פון די דם פון די חובל? גרוגרת. ודרמ"א מדבר במורים, דאס הייסט אז ווען מ'מאכט א חבלה אין א חיה שיש לה עור איז חייב.

**הקדמה: מילה בשבת שלא בזמנו**

געדענקסט אז מיר האבן געלערנט אז מילה בשבת אויב ס'איז נישט בזמנו, הייסט עס אז ער איז א מקלקל, ממילא איז ער פטור. לכאורה די אונז איז געווען וועגן די הלכה.

**הלכה ח: שיעור מפרק — כגרוגרת**

זאגט דער רמב"ם, **"אינו חייב עד שיהיה בדם או בחלב שהוציא כגרוגרת",** וויפיל איז די שיעור פון די פריערדיגע חלב וואס איז א בהמה, אדער פון די דם פון די חובל? כגרוגרת.

**הלכה ט: חובל בבהמה vs. חובל בחבירו — מקלקל vs. מתקן**

**חובל בבהמה וחיה — מקלקל**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ודברים אמורים",** דאס האבן מיר, ווען מ'מאכט א חבורה אין א חיה שיש לה עור, איז ער פטור. איז בבהמה וחיה

וכיוצא בהם, הייסט עס מקלקל, אויב וויל מען נישט די דם, וואס דאס איז דאך א זעלטענע זאך אז מ'זאל וועלן די דם. געוועונליך איז מען פטור ווייל מ'איז מקלקל. סאו נאר ביי בהמה וחיה איז דא די זאך אז ס'איז פשוט מקלקל.

### חובל בחבירו — מתקן מפני נחת רוחו

אבער ווען א מענטש איז חובל בחבירו, לכאורה וואלסטו אויך געקענט טראכטן אז ער איז א מקלקל. זאגט אבער דער רמב"ם נישט אזוי. קוק וואס דער רמב"ם זאגט, **"אף על פי שאינו צריך להזיק, הרי הוא חייב מן הנחת רוחו"**, ווייל דער מענטש האט הנאה. דער מענטש איז נישט א מקלקל, דער מענטש איז א מתקן.

וואס איז ער א מתקן? ווייל ער האט געהאט דא, ס'איז געווען דא ענערדזשי וואס ער האט געדארפט אויסגעבן, און מיט די שלאגן איז **"נתקררה דעתו ושככה חמתו"**, ער האט זיך בארואיגט, ס'איז געווארן אפגעקילט זיין היץ און זיין צארן. איז ער דאך א מתקן, ער האט מיט דעם אויסגעגעבן וואס ער האט געדארפט אויסגעבן. ס'איז געווען דא עפעס אן ענין פון תיקון, ס'איז נישט געווען גמור א קלקול. ממילא הייסט עס מפרק.

איי, איך דארף דאך נישט די בלוט אליין? זאגט דער רמב"ם, **"אף על פי שאינו צריך לדם שהוציא ממנו, הרי הוא חייב"**.

### ביאור: מלאכה שאינה צריכה לגופה

ווייל, לאמיר דא אויסרעדן די ענין פון מלאכה שאינה צריכה לגופה. אונז האבן דאך געלערנט פריער, דער רמב"ם האלט אז מלאכה שאינה צריכה לגופה איז חייב. ווייל ווען א מענטש שלאגט זיין חבר און ס'הייבט אן ארויסצוקומען בלוט, ס'געשעט א וואונד, ער דארף נישט די בלוט, אבער ער האט יא געטון דא א פאזיטיווע מעשה, און ס'איז געשען א רעזולטאט פון מפרק. ס'איז טאקע א מלאכה שאינה צריכה לגופה, אבער מלאכה שאינה צריכה לגופה איז חייב.

סאו ביי בהמה איז עס מקלקל. מקלקל איז אן אנדערע מין זאך. מקלקל מיינט אז ער האט קאלע געמאכט, ס'איז געשען א מיסטעיק, ס'איז געשען א זאך וואס ער האט נישט געוואלט. ער טוט נישט קיין גוטע זאך, ער טוט עס סתם אזוי. אבער ביי א מענטש האט ער געשמועסט אז מקלקל איז עס נישט, ווייל ס'איז נתקררה דעתו. ממילא איז עס מפרק. זייער גוט. דאס איז די שיטה פון רמב"ם.

### מחלוקת רמב"ם ראב"ד: צו נחת רוח ליצרו איז א תיקון

דער ראב"ד איז גאר ברוגז אויף דעם. דער ראב"ד איז פון די **"חכמים תמהו עליו ותמה אני על סופו"**. אקעי. דער ראב"ד איז נישט געווען א שרייבער פון נתקררה דעתו, ניין. ניין, אבער ער האט געוואלט ארויסברענגען ווי נישט ריכטיג דער רמב"ם איז.

### ראיית הראב"ד: קורע בגדיו בחמתו — כעובד עבודה זרה

אבער דער אמת איז אז ס'איז דא א ליבשאפט אין די גמרא. דער ראב"ד טענה'ט אז אין די גמרא שטייט דאך, און דאס איז געווען טאקע נישט ביי די קעיס, ביי אן אנדערע קעיס, ביי קורע בגדיו בחמתו, וואס איז די זעלבע שאלה, מיר גייען עס זען שפעטער אין הלכות שבת, נאך א פרק, די זעלבע שאלה, זאגט די גמרא אז ער איז **כעובד עבודה זרה**. אויב ער איז עובד עבודה זרה, זאגט דער ראב"ד, ווי קען זיין א איד איז כעובד עבודה זרה און דער רמב"ם רופט אים א מתקן ווייל זיין יצר הרע, זיין כעס, באקומט ער א בארואיגקייט? זיכער נישט קיין מתקן.

### יסוד המחלוקת: גדר מקלקל ומתקן

ס'איז דא עפעס א מחלוקת צווישן רמב"ם און ראב"ד, די גדר פון מקלקל און מתקן.

**דער רמב"ם** האט געהאלטן אז ווען ער טוט א פעולה און ער האט נאך געהאט עפעס א געוויסע הנאה, הייסט עס גענוג אויף צו זיין מתקן.

**דער ראב"ד** קוקט עס עפעס אן אז ס'דארף ממש זיין א פאזיטיוו פעולה. אפילו ער האט געהאט דערפון עפעס א שטיקל נחת רוח, אבער אויב בכלליות איז געווען א נעגאטיוו זאך וואס ער וויל נישט, הייסט עס מקלקל.

נישט ווייל ער וויל נישט, לאמיר עס בעסער פארשטיין. מיר רעדן נישט פון ענין שוגג, מיר רעדן דא פון מזיד. ווייל אויב דו זאגסט ווייל ער וויל נישט... ניין, דער ראב"ד איז מסכים אז ער וויל, ווייל ער איז בחמת כעס.

### ביאור המחלוקת

דער ראב"ד קוקט... קודם כל, מ'דארף זאגן אז ס'איז דא ליבשאפט אין די גמרא. די גמרא פרעגט די קשיא, און די גמרא, לויט רש"י און דער ראב"ד, טייטשט די גמרא זאגט טאקע אז וועגן דעם איז עס נישט קיין מתקן, ווייל ער איז כעובד עבודה זרה. דער רמב"ם האט געלערנט אנדערש די גמרא. ממילא לויט'ן רמב"ם שטייט עס נישט אין די גמרא.

אבער אויב מיר ווילן פארשטיין די סברא, מוז מען אמאל פארשטיין אז ביי דעם רמב"ם... אגב, דער רמב"ם איז געווען זייער קעגן כעס, יא. דער רמב"ם האט טאקע גע'פסק'נט אז ס'איז כעובד עבודה זרה. אבער נאך אלץ, וויבאלד דער מענטש וואס ער האט שלעכטע מידות, ער ווערט בארואיגט דערפון, הייסט עס אז ער האט א תיקון.

דער ראב"ד האט געזאגט אז ס'איז נישט קיין תיקון. וויבאלד ס'איז כעובד עבודה זרה, ווערט עס אויס תיקון. אדרבה, דער מענטש איז יעצט אין א סטעיט פון כעובד עבודה זרה, איך קער נישט. דאס איז נישט קיין גוטע זאך. ס'איז נישט דא אזא זאך אז א מענטש בארואיגט זיין יצר הרע, ער האט זיך אויסגעגעבן, ווי דו זאגסט, ער האט זיך בארואיגט. די גמרא רופט עס "נחת רוח ליצרו". אדער מ'איז מתקן יצרו? מ'איז טאקע זענען די יצר הרע נישט קיין תיקון. אזוי איז דער פסק פון די ראב"ד.

### נפקא מינה: צו מוסר און הלכה גייען צוזאמען

ס'איז א מחלוקת רמב"ם ראב"ד, צו דאס וואס מ'זאגט מוסר'יש, דאס וואס שטייט אין הלכות דעות אז כעס איז ווי עבודה זרה, צו דאס מאכט א חילוק אין הלכות שבת. דאס האב איך געזאגט. דו ביסט מסכים?

א מענטש קען זאגן, יא, ס'איז זייער גוט, ווען איך זאג א מוסר דרשה זאג איך אז ס'איז א קלקול גדול, אבער אין הלכות שבת הייסט עס א תיקון. אזוי איז דער רמב"ם'ס שיטה. אבער דער ראב"ד זאגט ניין, אז דער מוסר שיעור מיט דער הלכה שיעור דארף מען גיין צוזאמען. אויב אין הלכות מוסר איז עס א קלקול, אויך אין הלכות שבת איז עס א קלקול.

### קשיא: למה לא יהיה כל מלאכה מקלקל

מ'דארף דאס צוריקברענגען א קשיא, אזוי איז דאך יעדער הלכות שבת. די קשיא ווען ביי שחיטה ווערט די שאלה אז זיין שחיטה ווערט פסול מיט דעם וואס ער איז א מחלל שבת. אבער מיט די ראב"ד דארפסטו ביי יעדער מלאכה קענסטו זאגן אז ס'איז כפוף ביד יצרו, און ממילא הייסט עס אז ער איז א מקלקל.

### תירוץ: הלכות שבת הן לשוגגים

אבער מ'קען פון דעם זאגן א תירוץ, ווייל מ'רעדט דאך פון משוגע. אלע הלכות שבת, זיי האבן געמאכט א כלל, הלכות שבת איז פאר שוגגים, ווייל מזיד, דאך איז דאך קיין איד איד מחלל שבת במזיד. סאו, די גאנצע זאך איז פאר א שוגג. אז בשוגג, אז ווען ער טוט עני מלאכה, ער טוט א תיקון, אוודאי, ער האט פארגעסן אז ס'איז שבת, ער האט פארגעסן אז ס'איז אסור, ער דארף ברענגען א חטאת. אבער דא, ער האט אויך פארגעסן אז ס'איז שבת, אבער ער האט נישט פארגעסן אז ער איז בכעס.

איך זע רבי עקיבא אייגער, און דער רמב"ם פרעגט פארוואס נישט יעדער שוחט איז אויך מפרק. אה, אקעי, די זאך, לאמיר לערנען.

### הלכה י: שמונה שרצים — יש להם עורות לענין שבת

אקעי, דער רמב"ם זאגט נאך א... שמונה שרצים, א מינוט. אה, סארי. זאגט דער רמב"ם אזוי, מ'דארף וויסן ווען הייסט עס אז יעדע מאל מ'מאכט א חבורה, א חובל, איז מפרק דם.

זאגט דער רמב"ם אזוי, אז ס'איז דא שמונה שרצים וואס ווערן דערמאנט אין די תורה, זיי זענען די מיני שרצים, זיי זענען די בעלי חיים וואס אויב מ'קלאפט אויף זיי איז דא א איסור מפרק, **"הואיל שיש להם עורות לענין שבת"**. זיי האבן א האר, זיי האבן א הויט, און ווען מ'קלאפט אויף דעם

געשעט א מפרק, אז ס'זאמלט זיך צוזאם די בלוט. און מ'איז חייב, כמו חובל. וואס ארבעט אזוי אז בלוט קומט זיך צוזאם.

אבער שאר שקצים ורמשים האבן נישט קיין עור, זיי האבן נישט די טבע פון די זאכן, איז אפילו אויב ס'איז שייך צו זיין חובל ביי זיי, אבער ס'לויפט זיך עפעס נישט סתם קיין בלוט. די וועג וויאזוי די אנדערע שקצים ורמשים אפערירן איז אנדערש, ממילא איז **החובל בהם פטור**.

#### שיעור כגרוגרת ביי כל בהמה וחיה

עס איז אבער עפעס אינטערעסאנט וואס דער רמב"ם זאגט דאך, מען דארף דאך סיווי טשעקן ביי יעדע חיה ועוף צו די חבורה איז געווען שיעור כגרוגרת, ס'דארף נישט זיין א קליינטשיגע פיצעלע בעל חי, ס'דארף זיין אז ס'איז געווען א שיעור כגרוגרת מפרק. אנדערע שקצים ורמשים אויך, אויב זעהט מען עפעס בלוט צוזאמגעזאמלט, דאס איז דאך די הלכה, א נארמאלע זאך. ס'איז דא א כלל, אויב מען זעהט אז ס'איז מפרק, איז דא א כלל, ס'איז נישט געזאגט אז ס'איז א רעאליטעט, אבער דאס איז נישט די כלל. שמונה שרצים האבן די אונטערשייד אז זיי האבן עור, און נאר החובל בהם איז חייב, אנדערע שקצים ורמשים איז פטור. ביי אנדערע בהמות דארף מען טשעקן די שיעור, בסדר, ס'איז נישט יעצט די נושא די שיעור.

#### חבורה שלא יצא הדם — מפרק אינעווייניג

**ואיכא דאמרי החובל בהם חייב אפילו בשמונה שרצים, והוא שעשה חבורה**, געמאכט א חבורה **שלא יצא הדם**. זאגט ער, די חבורה וואס מ'רעדט דא אז די צוזאמנעמען די בלוט הייסט מפרק, איז נישט געהלוקט צו די בלוט, מ'האט מפרק געווען די בלוט און ס'איז טאקע אינגאנצן ארויסגעגאנגען פון די גוף, **או שלא נצרר הדם**, ס'האט זיך געמאכט אז די בלוט האט זיך צוזאמגעזאמלט און ס'איז געווארן א בעל אדער א וואונד וואו ס'איז בלוט צוזאמגעזאמלט, אפילו ס'איז נאך נישט אינגאנצן ארויסגעקומען, הייסט עס אויך מפרק, **אפילו שלא יצא חייב**, ווייל אזוי זאגט ער, ס'איז מפרק, ס'איז מפרק געווען אינעווייניג.

#### הלכה יא: סוחט פירות — תולדת דש/מפרק

יעצט קען מען נעמען נאך א תולדה פון דש. זאגט דער רמב"ם, הסוחט, לאמיר זאגן גלייך נאך די שוחט, א שוחט איז א פירות, א שוחט איז אויך חייב משום מפרק, ווייל ער נעמט ארויס די זאפט פון די פלאץ וואו ס'ליגט, ס'ליגט צושפרייט אין די קליינע סעלס אין די פרוכט אדער וואו ס'איז, און ער נעמט עס צוזאם און ער נעמט עס ארויס.

#### שיעור סוחט — כגרוגרת במשקין

זאגט דער רמב"ם, וויפיל איז די שיעור? **ואינו חייב עד שיהיה במשקין שסחט כגרוגרת**, נישט אז די פרוכט איז גרויס א גרוגרת, נאר די פירות וואס איז געווארן מפורק איז א גרוגרת, די זאפט וואס איז געווארן מפורק איז א גרוגרת.

#### דריכת זיתים וענבים — מן התורה

זאגט דער רמב"ם, וועלכע פרוכט איז דא די סחיטה ומפרק? **איינער חייב מן התורה אלא דריכת זיתים וענבים לבד.** נאר זיתים וענבים איז די משקה דערפון געגנוג חשוב אז ס'הייסט אזוי ווי מ'האט מפרק געווען די דרך. ס'איז דרך. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דא וועט מען גלייך זען אז מדרבנן איז מען יא אסר'ן אנדערע, אבער ס'שטייט נישט דא, ווייל די פרק איז נישט פון קיין דרבנן, סאו מן התורה איז נאר דאס. איינער חייב מן התורה, זאגט ער, איז א רמז אויף דעם אז ס'איז דא נאך דינים.

#### סוחט לתוך אוכל — משקה הבא לאוכל אוכל הוא

זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס מעג מען טון לכתחילה פון די פעלד פון די סוחט זיין? זאגט דער רמב"ם, די סוחט זיין וואס מ'טאר נישט איז נאר ווען מ'קוועטשט ארויס א משקה און נאכ'ן אויסקוועטשן איז ווייטער דא משקה.

אבער וואס מ'מעג יא טון איז, **מותר לסחוט אשכול של ענבים לתוך אוכל.** מ'מעג אויסקוועטשן טרויבן אריין גלייך דירעקט אין די עסן. פארוואס? **שמשקה הבא לאוכל אוכל הוא.** א משקה וואס קומט אריין אין עסן, אנטשולדיגט, ס'איז געווען ביז יעצט אין די טרויבן אלס א חלק פון די עסן, און גלייך נאכ'ן ארויסקומען איז עס א חלק פון די נייע עסן. איז ער נישט מפרק אוכל מאוכל.

ס'איז אן אינטערעסאנטע חידוש'דיגע הלכה, ווייל ס'איז געשען דא עפעס א מפרק, ס'איז נאר געווארן גלייך בטל. ער קוועטשט עס מיט'ן עסן, רייט? ער זיצט ביים טיש און ער לייגט אריין אין זיין קאמפאט עפעס א שטיקל זאפט פון די טרויבן, איך ווייס. אדער ווי מענטשן האבן אן אנדערע, מיט א לעמאן, ער קוועטשט עס אריין אין די סעלעד. פארוואס איז דאס נישט קיין מפרק? ווייל ער מאכט נישט קיין משקה. מפרק מיינט אז ער מאכט דזשוס. ער מאכט נישט קיין דזשוס, דו ספרינקלסט אביסל לעמאן פון די לעמאן, דו לייגסט אריין לעמאן אין דעם וועג אין די סעלעד. אזוי קען מען עס אנקוקן.

#### סוחט לכלי — דורש וחייב

**אבל הסוחט לכלי שאין בו אוכל**, אבער אויב האט ער אריינגעקוועטשט אין א כלי וואס ס'איז נישט דא דארט קיין עסן, **הרי זה דורש**, הייסט עס יא געהעריג דורש. דורש דריכת זיתים וענבים. דו האסט געזאגט דריכת זיתים וענבים, אינטערעסאנט. הרי זה סוחט, אקעי, מ'וועט זען וואס דאס ווארט דורש מיינט. ס'איז נישט קיין דריכת זיתים וענבים. ס'איז אין די גדר פון וואס איך האב דזשאסט געזאגט, ס'הייסט דורש. דריכת זיתים וענבים. און א קהילה. דאס איז דער איינזער ווילער לייגט אריין א קלייגע חילה, ער קוקט שוין ווי א מאל. אקעי, יא. וויינער חולה ולטחה אוכל, אויב איינער חליפה האט מען זיך געשמועסט עס אויך מפאריג, אויב איינער אבער מילק'ט מילק'ט מילק'ט—

#### מלאכת מפרק (המשך) — חולב לתוך האוכל

**Speaker 1:** אקעי, ער מיינט צו זאגן דאס ווארט דא סוחט, זה זורה, ער האט נישט קיין... די רוחות ווייסן מיין נאמען. ס'איז אין די גדר פון וואס איך האב דזשאסט געזאגט, ס'הייסט די זורה חייב. וואס ער מיינט דא צו זאגן איז, ער האט זיך יעצט געזאגט, אפילו שפעטער גייט מען לייגן אין די כלי אוכל, אדער וואס. אדער אפילו ער מאכט עס פאר זיין סעודה, אבער דא איז זיך טוען אין א כלי. דאס איז די... אפילו ער לייגט אריין א קליין חלה, ער קוקט נישט אן ווי א מאל. אקעי, יא.

**והחולב לתוך האוכל**, אויב איינער, חלב האבן מיר זיך געשמועסט אויך מפרק, אויב איינער אבער מילקט א קו גלייך אריין אין די עסן, **או היונק בפיו**, אדער ער סאקט עס ארויס אבער גלייך אריין אין די מויל, איז עס אויך קיינמאל נישט געווארן קיין משקה וואס איז א דבר נפרד וואס איז געווארן מפורק פון די אוכל, **פטור. ואינו חייב עד שיחלוב לתוך הכלי**, ווייל דעמאלטס האט מען ממש ארויסגענומען די משקה פון די פלאץ ווי ס'איז געווען. איין גוט.

#### דער צוזאמענהאנג צווישן זורה, בורר, און מרקד

אזוי אויך איז דא דש, דש איז איין וועג פון... ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דש האבן מיר געלערנט אז ס'איז מער אזוי א כלליות'דיגע זאך, ס'איז עפעס ווי מער אזוי מפרק, נישט נאר דש, ווייל דש איז אזא סארט פעולה וואס מ'קוועטשט עפעס די... וויאזוי הייסט עס? די ווייצל, ביז ס'קומט ארויס פון די שלעכטס, אדער עפעס אזוי. ס'איז ביידע איז ענליך צו די אלע זאכן. יעצט גייען מיר זען די רמב"ם גייט זאגן פארוואס איז דא עקסטער דש, עקסטער זורה ובורר. ווייטער, אבער דאס איז אויך, לויט וואס ער האט יעצט געזאגט, דש איז אביסל אנדערש, איז א תולדה פון אנדערש, אבער די זורה און בורר איז ממש די רמב"ם רעכנט אויס אויף איינס.

**הזורה והבורר, כגרוגרת**, די שיעור איז כגרוגרת **חייב**. זאגט די רמב"ם, **המכבץ**, מכבץ האבן מיר שוין געהאט, מכבץ מיינט מאכן אפטיילן קעז פון די וואסער וואס איז דא דערין. האבן מיר פריער געהאט אז מ'ווארפט אריין א שטיקל קיבה, איז עס אן ענין פון בורר, ווייל מ'מאכט אז די קעז זאל זיך אפטיילן פון די אנדערע חלקים. **הרי זה תולדת הבורר.** זאגט די רמב"ם, וואס איז דא נאך? אויב איינער האט משקין און ס'איז דא דערין שמרים, ס'איז דא דערין שטיקלעך שלעכטס, און מ'נעמט זיי ארויס, איז ער אויך בורר די נישט גוטע פון די גוטע, מ'נעמט ארויס די שמרים מתוך המשקה,

**הרי זה תולדת בורר, או תולדת מרקד.** די רמב"ם, מיר גייען זען נאך א מלאכה וואס איז די זעלבע מין זאך, ארויסצונעמען צו טיילן גוטע פון שלעכטע, וכדומה.

**פארוואס זענען זורה, בורר, ומרקד דריי באזונדערע מלאכות?**

זאגט דער רמב"ם, וויאזוי קען זיין אז ס'זענען אדער בורר אדער מרקד אדער זורה? זאגט ער, איך וועל דיר זאגן פארוואס. ווייל זורה, די דריי מלאכות, זורה, בורר און מרקד, **דומים מעניניהם זה לזה**, זיי זענען זייער דומה איינס צו די אנדערע. אלע פון זיי איז אפטיילן די מעל פון די שמוץ, אדער אפטיילן די ווייץ פון די קערלעך. פרעגט דער רמב"ם, **מנה אמרו עליהם שלשה?** פארוואס האט מען זיי בכלל איסגעטיילט אין דריי? מען וואלט דאך געקענט זאגן איינס, און די אנדערע וואלטן געווען מעין. דער רמב"ם האט דאך פריער געזאגט אז ס'איז דא מעין, ס'קען זיין מער ווי איין אב פון די זעלבע פאמיליע.

איז זאגט ער דא אזא זאך, זאגט ער, ס'איז קלאר, מעניניהם, מעין. פארוואס זאל איך נישט זאגן אז בורר איז מעין הזורה, נישט אן עקסטערע מלאכה? פארוואס איז עס אן עקסטערע? זאגט ער, חז"ל האבן עס שוין אויסגערעכנט עקסטער. פארוואס? **מפני שכל מלאכה שהיתה במשכן מונים אותה בפני עצמה**, יעדע מלאכה וואס איז געווען אין משכן רעכנט מען עקסטער.

**דיסקוסיע: די שווערקייט פון דעם תירוץ**

**Speaker 2:** דאס איז זייער א שווערע תירוץ, דאך א גוטע שאלה. וויאזוי האט מען מחלק געווען אז אין משכן איז געווען אזא מלאכה? ווייל דו ווייסט דאך נישט וואס איז געווען אין משכן, ס'איז געווען א פאקט. אין משכן האט מען גענוצט די אלע זאכן. איך בין מסכים. אבער מיין שאלה איז עפעס אנדערש. אבער ס'איז געווען עקסטערע חשיבות. אין משכן האט מען אויך געמאכט בורר מיט סטעפ 1 און סטעפ 2? איך ווייס נישט וואס. צוויי מאל מיט די ערשטע האנט און די רעכטע האנט? ס'מוז דאך נאך אלץ זיין עפעס א ריאליטעט וואס ס'טיילט עס.

**Speaker 1:** און מיט דעם ווערן זיי עקסטער. עניך נאר הערסטו אז זיי ווערן עקסטער מיט דעם. ווייל זורה איז איין סארט פעולה מיט די ווינט, און בורר איז אן אנדערע פעולה מיט די ברויט. דו טאנצט אויפן פעלד מיט די זאנג, און נאכדעם טאנצט מען עס אין אן אנדערע ��ין אופן אין א כלי וואס מ'איז מרקד. אויב אזוי, איז די חילוק איז די סארט וועג. נאר דער רמב"ם האט א קשיא, די גמרא האט א קשיא, אז ס'איז די זעלבע ענין. ס'וואלט געקענט זיין אזוויי חורש און חופר. די ענין איז דאך אייביג ווען די פועל יוצא איז געשען. וואס איז געשען די פועל יוצא? אז די פסולת מיט די עסן זענען געווארן אפגעטיילט. איז די אלע דריי זענען דאך אופנים פון אפטיילן די פסולת פון די עסן. און פארוואס זאגט מען דריי מיני זאכן?

אויף דעם איז די ענטפער אז ס'איז טאקע אחד מעינו של שני, דריי פועל יוצא'ס, אבער ס'זענען דריי אנדערע צורות פעולות פון זאכן. איינס טוט מען מיט א זיפ אין די וועג, איינס האקט מען אויפן פלאר אויפן פעלד, און זיי זענען אויס אנדערש. וואס דארט איז מען פארק, דארט איז נישט איינע פון די...

**Speaker 2:** יא, אזוי איז דאך די ווארף נאכדעם די תבואה. אבער אמת'דיג, די עקסטערע מלאכה איז דאך געווען, ממילא איז מובן וואס ער פרעגט אויף זיך.

**Speaker 1:** יא, אקעי.

**הלכות בורר בפרטיות**

**בורר מיט כלים vs. בידו**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, גייט דער רמב"ם אונז פארציילן דא אביסל הלכות פון בורר. אלע הלכות פון בורר מיט די דאגה, ארויסנעמען די ביינער פון די פיש, און מ'האט די פינף פארשידענע דאגות. יא, אבער דער רמב"ם מאכט עס גאנץ בקיצור. זאגט דער רמב"ם, **"הבורר אוכל מתוך פסולת, אם בירר אוכל מתוך פסולת, או שהיו לו שני מיני אוכלין"**, מ'האט צוויי מיני עסן, און ער האט געקליבן איינס פון די אנדערע.

דאס הייסט, אפילו זיי זענען נישט איינס איז אוכל און איינס איז פסולת.

**Speaker 2:** ניין, ביידע זענען אוכל.

**Speaker 1:** איז אזוי, אויב האט ער עס געטון מיט די כלים וואס איז געמאכט פאר צו בורר זיין, **"בנפה ובכברה"**, ער האט עס געטון מיט א זעפרייד. ער מיינט אויך אוטאמאטיק אז מ'רעדט פון א מין בורר, ער מיינט צו זאגן אז מ'רעדט פון א זאך וואס איז שטויב, יא. ער ווארפט דאך אריין אז די ריעל בורר קען נאר זיין א מין בורר.

**Speaker 2:** יא, כברה איז מיין איך אויך א סארט טיף וואס איז בורר גרעסערע זאכן אביסל, ניין? אקעי. א כלי וואס איז געמאכט פאר דעם. אבער דו האסט נישט עפל און ארענדזשעס, איז נישטא אויף דעם כברה. אמת.

**Speaker 1:** קיצור, ביי אונז איז דא א טיף פון א סארט כברה משהו וואס קען טיילן עפלעך פון ארענדזשעס. סאו, אויב טוט מען עס **"בקנון ובתמחוי"**, מיט כלים, מיט סתם א שיסל וואס איז נישט די סדר צו...

ס'איז נישט די דרך. ער גיסט עס אזוי, און די לייטער פאלט אראפ, אבער ס'איז נישט קיין כלי וואס איז מיוחד פאר דעם. דאס הייסט, ס'איז נישט די דרך ברירה, דאס איז נישט די וועג פון עס טון, איז **פטור**. איז פטור, ס'איז נישט קיין איסור דאורייתא. דער רמב"ם וועט עס שפעטער אויסרעכענען צווישן די מלאכות דרבנן.

**Speaker 2:** יא, ס'איז פטור אבל אסור. "אינו פטור" מיינט דאך פטור אבל אסור.

**Speaker 1:** יא, יא.

אבער וואס מעג מען יא? **"ואם בירר בידו לאכול לאלתר"**, ס'איז דא די צוויי תנאים, סיי בידו, אבער אן אופן פון קלויבן לאכול לאלתר, ס'איז עסן גלייך, דאס הייסט נישט געקליבן, דאס איז דרך אכילה, און דאס איז **מותר**. אויב ס'איז בלילה אלתר, ס'איז די צווייטע, סיי בידו, דאס הייסט אפילו נישט מיט א תמחוי, ער טוט עס מיט זיין האנט, און סיי ער טוט עס כדי צו עסן גלייך, דעמאלטס איז דאס מותר.

**בורר פסולת מתוך אוכל — חייב אפילו בידו**

אבער דאס איז נאר, ס'איז דא נאך א תנאי, לאמיר לערנען נאך אביסל ווייטער, דאס איז נאר ווען מען טוט אוכל מתוך פסולת. אבער **בורר פסולת מתוך אוכל, אפילו בידו חייב.** אויף דעם העלפט נישט, פסולת מתוך אוכל איז הארבע, דעמאלטס איז חייב אפילו בידו, ס'העלפט נישט אז דאס איז בידו, אדער בקנון ובתמחוי איז פטור, איז נישט דא ביי פסולת, ווייל מען נעמט ארויס די פסולת.

**תורמוסין — א ספעציעלער פאל**

זאגט דער רמב"ם, ממילא קומט אויס אזא הלכה, אז א **בורר תורמוסין מתוך פסולת שלהן**, אז אויב איינער קלויבט ארויס א תורמוסין, וואס איז א סארט באנדל, און ער קלויבט עס ארויס פון די שולאס דערפון, איז **חייב**. פארוואס? לכאורה וואלט מען געקענט זאגן אז בורר אוכל מתוך פסולת לאכול לאלתר דארף זיין מותר. די **פסולת שלהן ממתקין אותן כשהן שלוקין עמהן**, די פסולת איז נישט ממש פסולת, למעשה ס'ווערט גענוצט, מען קאכט עס צוזאמען, און ס'מאכט אז זיי ווערן בעסער ווען מען קאכט עס צוזאמען. ממילא, הייסן זיי ביידע אזוויי אוכלים? ניין, ס'איז ערגער, ס'דארף זיין כאוכל דאך.

**דיסקוסיע: פארוואס איז תורמוסין חייב?**

**Speaker 2:** פארוואס ווערט די תורמוסין לויט דעם פסולת? פארוואס ווערט די תורמוסין פסולת ווייל די פסולת שלהן? זייער מדמה. ס'איז א גוטע שאלה. אני האב נאר פארשטאנען אזוי, אז ממילא הייסט עס נישט אזוויי מען נעמט ארויס די אוכל מתוך פסולת? אבער ער וואלט געדארפט זאגן אז ס'ווערט אזוויי מברר אוכל מתוך אוכל, שני מיני אוכל. ס'איז עפעס מער פון דעם, ס'איז עפעס ערגער, מ'איז נישט געווען בורר פסולת מתוך אוכל.

**Speaker 1:** ער זאגט ווייל די תורמוס אליינס איז זייער ביטער, מען עסט עס נישט בכלל יעצט, מען קען עס, לכאורה איז עס נישט אוכל לאכול מיד, ווייל ס'איז נאך ביטער. סאו די פסולת, ער הייסט די אוכל לגבי די תורמוס, אזוי זאגט ער. אינטערעסאנט. דאס וואס הייסט תורמוס און יענץ הייסט פסולת, זאגט ער קלאר אז דאס איז די עיקר. אבער ער זאגט עפעס אז למעשה ווען א מענטש איז בורר מתוך פסולת, און די תמרים איז נאכנישט ראוי צו עסן. סאו ס'איז פארקערט.

**בורר לאוצר — אוועקלייגן פאר שפעטער**

**הבורר אוכל מתוך פסולת בידו**, ער נעמט עס טאקע בידו, אבל **לאניחו**, ס'איז אוועקצולייגן פאר שפעטער, **אפילו בו ביום**, איז **נעשה כבורר לאוצר וחייב**. ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל למעשה האט ער עס נישט געטון מיט קיין כלי. פארוואס זאל עס נישט זיין עטליסט אזוי ווי בקנון ובתמחוי? דאס העלפט נישט.

**Speaker 2:** אה, פארוואס העלפט עס נישט? סאו קנון ותמחוי רעדט אויך נישט ווען ס'איז בורר לאוצר? אפשר בידו איז יא די דרך. אפשר קנון ותמחוי איז נישט קיין נארמאלע דרך, אבער בידו איז א דרך. קנון ותמחוי איז א מין שינוי אזא? ס'איז אזוי. אפשר, איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** אויב האט מען צוויי מיני אוכלין מעורבין, צוויי מיני עסן, מעג מען קלויבן איינס פון איינס און איבערלאזן די אנדערע לאכול מיד, אויב ער גייט עס עסן גלייך. אבער אויף צו עסן שפעטער, **ואם בירר והניח לאחר זמן**, אויב האט ער געקליבן צווישן די צוויי אוכלין וואס זענען מעורבין אוועקצולייגן פאר שפעטער, **אפילו לבו ביום**, אפילו ער האט עס אוועקגעלייגט פאר יענע טאג, **כגון שבירר בשחרית לאכול בין הערביים**, איז **חייב**.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "לאכול לאלתר"?**

**Speaker 2:** רייט, סאו וועלכע דארף ער עסן? ער מוז נישט עסן ביידע, רייט? ער עסט ביי איינע פון זיי. בורר אחד מהם ומניח אחד מהם לאכול מיד. דאס הייסט, ער מוז נעמען די... ער מוז ארויסנעמען כלאחר יד די פסולת מתוך האוכל, ניין, ער עסט אוכל מתוך אוכל. ער עסט נישט פון ביידע. ער קען איינס עסן. אבער דא זעסטו אז דער רמב"ם זאגט, אויב ער עסט נישט מיד, איז בין הערביים...

**Speaker 1:** דערפאר זאגן די מפרשים אז אויב איינער גרייט יעצט צו די סעודה וואס ער גייט יעצט עסן, און די פוסקים שטייט ביז די נעקסטע שעה, דאס מיינט נישט לעבן דעם מויל. דאס מיינט נישט פאר די יעצטיגע סעודה, נישט פאר זונטאג מיטאג. דאס מיינט פאר די סעודה איז דאך נאר א תיקון אוכל. אבער מה שאין כן נישט, זעט עס אויס מער ענליך צו בורר, איז עס בורר, איז עס חייב.

**Speaker 2:** רייט. זייער גוט.

**מלאכת משמר — פילטערן יין**

מיר וועלן לערנען וועגן משמר זיין יין. משמר זיין יין, וואס איז עס? מעין אדער א תולדה? ס'איז בורר.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז א תולדה. איך ווייס נישט. איך האלט אז ס'איז א געהעריגע בורר. ס'זעט נישט אויס אז ס'זאל זיין נאר... נישט קיין חילוק.

**Speaker 1:** **המשמר יין... המשמר יין**, אז איינער לייגט די יין אין א זיפ אז ס'זאל זיך ווערן ריין. **וכן שאר המשקין במשמרת שלהם**, במשמרת, אין די זייער וואס מ'נוצט פאר יענע משקה. וכן, ווען איינער לערנט פון א תלמיד באופן... באופן התפשטות, דארף מען וויסן יענער...

**בורר — משמר יין (המשך)**

**Speaker 1:**

ניין, ס'איז תולה. איך ווייס נישט. לכאורה איז דאס געהעריגע בורר. ס'איז נישט אזוויי ס'איז נאר א... נישט קיין חילוק.

**ומשמר יין**, ווען איינער לייגט די יין שמרים אין א זיפ אז ס'זאל זיך ווערן ריין, **וכן שאר משקין במשמרת שלהם**, אין די זייער וואס מ'נוצט פאר יענע משקה, **חייב. והוא**, ווען לערנט מען דאס פון א תלמיד? **באופן אוכל מתוך פסולת**. זאל מען וויסן, וועמען האט ער צוגעגליכן דארטן? איינער פון די רבנים, צו משמרת. **והוא שישמר כגרוגרת**, אז די שיעור ריינע יין שמרים, אדער די גאנצע שיעור? לכאורה די שיעור וואס ער האט משמר געווען. אזויווי אלע שיעורים, די תיקון איז כגרוגרת.

**בורר — מסננים יין שאין בו שמרים / מים צלולים**

אבער, זאגט די רמ"א, משמע דאס איז אסור דוקא דורך א משמרת, אבער מ'טאר נישט דורכגיסן יין דורך א מסננת צו מאכן זייער ריין, אויב ס'איז נישט ממש דא עכט שמרים. **מסננים יין שאין בו שמרים, או מים צלולים**, אדער ריינע וואסער וואס מ'וויל אביסל בעסער רייניגן, **בסודרין ובכפיפה מצרית**, אין א טיכל. ס'איז נישט אין א משמרת, ווייל דעמאלטס איז דאס עפעס וואס איז נישט אויפן דרך, אזוי סאונדט עס. אין א משמרת טאר מען נישט. אבער אין סודרין אדער א כפיפה מצרית, וואס כפיפה מצרית מיינט אזויווי א באסקעט מיינעך, וואס האט אזעלכע קליינע שטיקלעך, קליינע לעכער, **כדי שיצולו ביותר**, אז ס'זאל זיין מער ריין, איז עס נאר בעסער גערייניגט, ס'איז נישט געטון קיין מלאכה.

**בורר — נותן מים על השמרים / ביצה על חרדל**

**ומפני זה מותר ליתן מים על השמרים כדי שיצולו**, אז ס'זאל ארויסקומען... קלאר ווערן. קלאר ווערן וואס? די וואסער. ס'הייסט מ'זייט דורך די וואסער דורך די שמרים? איך מיין מ'וויל ארויסנעמען די ביסל וויין וואס ליגט נאך אין די שמרים. ניין, אזויווי מיר האבן פריער געלערנט לגבי קידוש, געדענקסט? אז די אפובי איז... יא, די שמרים זאלן זיין זייער פיין. מ'וויל ארויסקוועטשן וויפיל וויין ס'איז נאך דא, אבער דאס הייסט נישט... דאס איז נישט ארויסגערייניגט וויין. טאקע נישט, ס'איז עפעס אן אנדערע זאך. איך כאפ נישט די גאנצע נושא. דורך דעם טוט ער וואס? ער נעמט ארויס די וויין פון די שמרים קלי, אבער דאס הייסט נישט קיין בורר.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

אקעי.

די זעלבע זאך, **ונותן ביצה טריפה**.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

**ונותן ביצה טריפה על גבי חרדל כדי שיצוף.**

אויך, ווייל ס'איז איין עפעס קלודיג, אבער ס'איז נישט קיין פראבלעם. איך ווייס נישט, ווייס איך נישט.

**בורר — חרדל שלשו מערב שבת / יין מגיתו**

**וחרדל שלשו מערב שבת, למחר ממחה ונותן לתוך הקלי, ואין אומרים לו הרי אתה בורר.**

ממחה מיינט אז ער זאל ארויסקומען די דינערע שטיקלעך, די מער וויכערע שטיקלעך, ס'זאל בלייבן א חלק. זעט עפעס אויס אזוי. ער קוועטשט עס, און פון דעם קומט ארויס, לאמיר זאגן, די זאפט דערפון אדער וואס. און וואס האט געקענט ווערן אנגעקוקט ווי בורר, הייסט נישט בורר.

**וכן יין מגיתו** — פרישע וויין וואס מ'האט דזשאסט געמאכט, דאס וואס מ'רופט מאסט — **כל זמן שהוא תוסס**, מעג מען אויך. ווי לאנג ס'איז נאך תוסס, וואס טייטשט תוסס? ס'באבעלט נאך, ס'איז נאך נישט געווארן וויין, ס'איז נאך אינמיטן ווערן וויין. **תורף חבית בשמריה ונותן לתוך הסודרין**. פארוואס? **שעדיין לא נפרשו השמרים מן היין, וכל היין כולו כעכור**. ווען די וויין איז נאך געמישט מיט די שמרים, הייסט עס נישט בורר. נאר ווען די שמרים איז שוין עקסטער, פארשטייסט?

**דיסקוסיע: פארוואס איז יין מגיתו נישט בורר?**

### Speaker 2:

וואס גייט מיך אן? ס'איז ערגער ווי עכור, דו מאכסט א גרעסערע בורר דעמאלטס. איך פארשטיי נישט.

### Speaker 1:

**וכן החרדל כיון שיצף זה**, I'm so confused. ס'הייסט, ווען ער גייט עס מסנן זיין, גייט נאך אלץ ארויסקומען שמרים? דאס איז די ווארט? ער גייט נישט actually צוטיילן די שמרים פון די ווין אין דעי קעיס? ס'גייט בלייבן צוזאמען ווייל ס'איז נאך געגעפעכט? איז וואס איז די פוינט פון די סודר? עפעס טוט עס אויף די סודר? I'm missing basic information וועגן די סודר. וויאזוי קען עס זיין? ער מאכט דאך בורר. וואס איז דא א חילוק א קליינע בורר און א גרויסע בורר? פארשטייסט מיין שאלה?

**ואין על השמרים שם פסולת או שם יין**. אה, ס'איז עפעס קלי, מ'רופט נישט די שמרים שמרים. ס'איז סתם, ער צוטיילט איין שטיקל פון די אנדערע שטיקל. ס'איז פאני פאר מיר, איך פארשטיי נישט די סוגיא נישט קלאר.

### Speaker 2:

ס'איז פסל'מדיג.

### Speaker 1:

ניין, אבער ס'האט צו טון מיט די לייפסטייל. דו זעסט אז יין מגיתו טרינקט מען יא מיט די שמרים. אבער ער מאכט דאך די סדר פאר א ריזן, רייט? וואס איז די סדר? ער לייגט עס סתם אין די זייט. ער וויל, פאר סאם ריזן, וויל ער טרינקען אביסל ריינערע מאסט, אבער ער ווייסט אז ס'הייסט נאך נישט קיין משומרים, הייסט אזוי ווי ער פילטערט אז וואסער וועך ער מאכט עס ווערן קלארער. איז נאך נישט קיין פסולת. איז ממילא איז עס סתם אזוי ווי מפריד בין אוכל מתוך אוכל.

### Speaker 2:

אקעי. איך הער.

### Speaker 1:

און שוין, און לכן, א חרדל וואס איז יוצא בן ד' שבועות, איז נישט קיין פסולת. מיט אנדערע ווערטער, ס'הייסט אז ס'זאל זיין בורר דארף עס האבן א דין פסולת. דארף זיין אוכל ופסולת. אויב ס'איז סתם איך האב ליב אביסל בעסער, איינער האט ליב די מער דזשוסי פארט, איך ווייס וואס, הייסט עס נישט קיין בורר. דאס איז דער חידוש זאגט ער. ס'מוז זיין א זאך וואס האט א גדר פסולת און אוכל.

### Speaker 2:

אקעי.

#### הטוחן — אב מלאכה

### Speaker 1:

שוין. הטוחן. גייען מיר לערנען הטוחן. אוכל, די שיעור איז כגרוגרת. צומאלן, דו ווייסט אז ס'זאל ווערן א גרוגרת מעל, יא. **וכן השוחק תבלין וסממנים ומחתכן**, אז איינער צומאלט סיי וועלכע תבלין וסממנים, לאו דווקא מעל מיינט ער צו זאגן. איינער וואס קריעיט עפעס זאל ווערן פאודער פון א פרוכט אדער וואטעווער ס'איז, ספייסעס, **הרי זה טוחן וחייב**. ס'איז פשוט לכאורה, דאס איז אן אב טוחן, דאס איז נישט קיין תולדת טוחן. דאס איז ממש טוחן. די גמרא רעדט אסאך, ס'איז דא א גאנצע גזירה פון רפואה, פון פסיקת סממנים, דאס איז טוחן.

#### הטוחן — תולדות

יעצט וואס איז תולדת טוחן? **והמחתך ירק תלוש**, אז איינער שניידט ירקות ווי מיר האבן שוין פריער געזאגט, אויף קליינע שטיקלעך, **הרי זה תולדת טוחן**. הייסט עס אויך א תולדת טוחן. **וכן הנוסר עצים להנות בנסורת שלהם**, אז איינער שניידט העלצער צו הנאה האבן פון די שפענלעך, פון די פאודער כאילו, די ברעקלעך פון די האלץ, **או השף לשון של מתכת**, אז איינער קראצט אפ ברעקלעך פון א שטיק מתכות, **חייב משום שוף כל שהוא**. יא, דער רמ"א ברענגט די צוויי טייטשן, רייט.

#### דיסקוסיע: פארוואס איז נוסר עצים א תולדה?

### Speaker 2:

אבער לכאורה פארוואס איז דאס א תולדה? נישט קיין עסן, א גרוגרת איז נאר א שיעור פון אכילה. דא נוצט ער עס נישט פאר זיין, איך ווייס נישט וואס.

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **אבל המחתך עצים**, איינער צעשניידט העלצער, און ביים שניידן העלצער קומט ארויס אויך ברעקלעך, אבער די עצים איז דאך שוין נישט קיין דבר חשוב, איז נישט קיין איסור מחתך זיין. די ברעקלעך איז ער נאר איינמאל חייב, אט שידקדק מהם, נאר אויב ער צעשניידט עכט קליינע שטיקלעך. איז די ברעקלעך און קליינע שטיקלעך האלצערלעך איז אויך א סארט טוחן, און די שיעור איז **כדי לבשל כגרוגרת מביצה**.

#### המרקד

שוין, די נעקסטע מלאכה איז **המרקד**, אויך א סארט בורר, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט וואס מען טוט מיט א כברה. מרקד איז אויך די שיעור כגרוגרת חיה.

#### הלש — אב מלאכה

און די נעקסטע מלאכה איז **לש**, איז אויך א לש מיינט קנעטן, **הלש כגרוגרת חיה**. גייט יעצט דער רמב"ם געבן זאכן וואס זענען ענליך, די תולדות פון לש. זאגט דער רמב"ם, **המגבל את העפר**, אויב איינער קנעט צוזאם עפר און מאכט דערפון א דבר גוש, **הרי זה תולדת לש. וכמה שיעורו?** וויפיל איז די שיעור פון די גיבול וואס עס הייסט תולדת לש? **כדי לעשות פי כר של צורף הזהב**. דאס הייסט, ווען נוצט מען א קליינע שטיקל געקנעטעטע עפר? צו מאכן א מאלד פאר די כר. מיר האבן פריער געלערנט, איינע פון די, עס איז דא א תנור וכירים. אה, איך ווייס נישט. מיין איך זאל זאגן. פי כר, א קליינע כלי וואס דער צורף הזהב נוצט אונטערצו... כר איז א סארט, כר מיינט אן אויוון, אזויווי א כירה, אבער א קליינע. מוז זיין אז א צורף הזהב נוצט נישט קיין סאך, א קליינע. און מען וויל צודעקן די אפענע חלק, דעקט מען צו, אזויווי מיר האבן געלערנט ביי... אויב מען האט צוגעדעקט די... ביי א תנור די טח. די זעלבע זאך, ווייל די קארן איז אויך, אבער מ'וועט סתם נוצן א קליינע ריבוי זאלן זיי נישט טייער.

#### הלש — תולדות

זאגט דער רמב"ם, דער גיבול וואס איז טהור איז נאר בעפר, אבער אפר, וואס איז די פראבלעם מיט אפר? ס'ווערט נישט קיין געקנעטעטע זאך. די זעלבע זאך חול הגיא ווערט אויך נישט קיין געקנעטעטע זאך, אדער מורסן שהוא לח ולא קיבוצו במים. ס'דארף זיין עפעס וואס איז שייך אויף דעם צו מאכן לישה. זאגט דער רמב"ם, **הנותן זרע שומשמין או זרע פשתן וקיבצן במים, נעשה מהן דבר גושי ומתערבין ונילושין זה בזה, ונעשה כעין עיסה**. משא"כ די אנדערע זאכן נישט, אבער די שומשמין ווערן יא. זייער גוט. עד כאן פרק ח'.